# העכערע לערנען ארויסוואַרפן באָורד

די העכערע לערנען ארויסוואַרפן באָורד הערט וועגן דאס ארויסוואַרפן פון סטודענט פון העכערע לערנען נאכן באַקומען א באריכט פונעם וויצע-קאַנצלער פון א העכערע לערנען אינסטיטוציע. א סטודענט וועט ווערן ארויסגעוואָרפן פון העכערע לערנען שטודירן אויב:

- עס איז דא א קלארע ריזיקע אז דער סטודענט וועט שעדיגן אן אנדערע מענטש אדער אנמאכן מערקווערדיגע שאדענס צו פראפערטי דורכאויס דעם טערמין פון זיינע אדער אירע שטודירן

און, אויב דער סטודענט טוט אויך:

- ליידן פון א גייסטישע קראַנקהייט, אדער
- באנוצט זיך מיט אלקאהאל אדער דראגס, אדער
- איז געטראפן געווארן שולדיג פון אן ערנסטע פארברעכן.

גייסטישע קראַנקהייט דער באנוץ פון אלקאהאל אדער דראגס

אויב עס איז דא א סיבה צו מיינען אז א סטודענט זאל ווערן ארויסגעוואָרפן פון שטודירן צוליב א גייסטישע פראבלעם אדער באנוץ פון אלקאהאל אדער דראגס, קען דער העכערע לערנען ארויסוואַרפן באָורד קומען צו א באשלוס אז דער סטודענט מוז אדורכגיין א מעדיצינישע אונטערזוכונג.

עס איז נישט דא א קלארע אפטייטש פון די באגריף פון גייסטישע קראַנקהייטן. אנדערע פסיכיאטערן טייטשן אויס די פראבלעמען אין אנדערע וועגן. אבער, לויט די נאציאנלע באָורד פון געזונטהייט און וועלפעיר, איז עס א שטער אין די פסיכילאגישע אנטוויקלונג פון א מענטש וואס פירט צו א פערזענליכקייט פראבלעם אדער אויפפירונג פראבלעם אין ערוואקסענע.

ערנסטע פארברעכן

א סטודענט קען ווערן ארויסגעוואָרפן פון העכערע לערנען שטודיעס אויב ער אדער זי ווערט געטראפן שולדיג פון אן ערענסטע פארברעכן און עס איז פאראן א קלארע ריזיקע אז דער סטודענט וועט שעדיגן אן אנדערע מענטשע אדער אנמאכן מערקווערדיגע שאדענס צו פראפערטי דורכאויס דעם טערמין פון זיין אדער איר שטודירן.

אן ערנסטע פארברעכן איז א פארברעכן פון ?געוואלד אדער אן ערנסטע דראגס פארלעצונג וואס טראָגט א טורמע טערמין פון אמווייניגסטענס איין יאר. פארלעצונגען וואס זענען פארבונדען מיט מערקווערדיגע שאדענס צו פראפערטי אדער סכנה פאר אנדערע מענטשן וואס טראגן א טורמע טערמין פון אמווייניגסטענס איין יאר, ווערן אויך גערעכנט אלס ערענסטע פארברעכנס. א סטודענט וואס ווערט געטראפן שולדיג פון מערערע קרימינאלע אקטיוויטעטן קען אויך ווערן ארויסגעוואָרפן אויב אלע פארברעכנס צוזאמען וואלטן באַקומען א טורמע טערמין פון אמווייניגסטענס איין יאר.

פלאנען צו אויספירן א פארברעכן ווערט גערעכנט פונקט אזוי ערנסט ווי אקטועל אויספירן דעם פארברעכן.

קומען צו א באשלוס

א קעיס ווערט גע'עפענט נאכן באקומען א באריכט פונעם וויצע-קאנצלער פון א העכערע לערנען אינסטיטוציע. אן ענין קען אויך ווערן אויפגענומען אויפן פארלאנג פון א סטודענט וואס איז געווארן ארויסגעווארפן און וואלט געוואלט אז די העכערע לערנען ארויסווארפן באורד זאל הערן דעם ענין. אויב עס פעלט אויס, נעמט די העכערע לערנען באורד א באשלוס אז דער סטודענט מוז אדורכגיין א מעדיצינישע אונטערזוכונג. די העכערע לערנען ארויסווארפן באורד וועט מעגליך אויך מאכן א קרימינאלע רעקארד דורכקוק אויפן סטודענט. אנדערע אינפארמאציע וועט מעגליך אויך ווערן פארבעטן, ווי למשל, פון די נאציאנאלע געזונטהייט סערוויסעס אדער סאציעלע סערוויסעס.

א באשלוס צו ארויסווארפן א סטודענט מיינט אז דער סטודענט מעג נישט ווייטער גיין מיט זיינע אדער אירע שטודירן. אלס א געזעץ, מעג דער סטודענט נישט ווערן אריינגענומען צו גלייכמעסיגע שטודירן אין אן אנדערע העכערע לערנען אינסטיטוציע. אבער, אן ארויסווארפן קען מיינען אז דער סטודענט קען נישט ווערן אריינגענומען צו סיי וועלכע מין העכערע לערנען. דאס ארויסווארפן האט נישט קיין צייט גרעניץ. אבער דער סטודענט קען בעטן די העכערע לערנען ארויסווארפן באורד צו איבערטראכטן זייער באשלוס צוויי יאר נאך דער באשלוס איז געמאכט געווארן.

ווען די העכערע לערנען ארויסווארפן באורד איז געקומען צו א באשלוס צו ארויסווארפן א סטודענט אדער צוריקגיין אויף א פריערדיגע באשלוס, מוזן די פארבינדענע אריינלאזן אוטאריטעטן און די CSN, (שוועדישע נאציאנעלע באורד פון סטודענטן הילף), ווערן אינפארמירט דערוועגן.

א סטודענט פון העכערע לערנען מעג מאכן אן אפיעל קעגן יעדע באשלוס פון די העכערע לערנען ארויסווארפן באורד, צו די אדמיניסטריווע געריכט.

קאנטאקט דעטאלן:

Högskolans avskiljandenämnd (העכערע לערנען ארויסווארפן באורד)
Box 7249
SE-103 89 STOCKHOLM, Sweden

טעל: 00 087 563 8(0) 46+

פעקס: 50 085 563 8(0) 46+

אימעיל: hab@han.se